**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 9/29/2025 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנאר האקול מעלדט אז סופעראינטענדענט עידריען א. העריס וועט פארלאזן די אפטיילונג פון פינאנציעלע סערוויסעס נאך פיר יאר פון דינסט**

***גאווערנאר שטעלט קעיטלין עסראו אלס עקטינג סופעראינטענדענט***

גאווערנאר Kathy Hochul (קעטי האקול) האט היינט געמאלדן אז נאך פיר יאר פון דינסט, וועט סופעראינטענדענט Harris (העריס) יעצט פארלאזן די אפטיילונג פון פינאנציעלע סערוויסעס (Department of Financial Services). די גאווערנאר טוט שטעלן Kaitlin Asrow (קעיטלין עסראו) אלס עקטינג סופעראינטענדענט פון די אפטיילונג פון פינאנציעלע סערוויסעס, אנגעהויבן פון אקטאובער 18, 2025.

"איך וויל באדאנקען סופעראינטענדענט Harris (העריס) פאר איר פיר יאר פון דינסט ביי די DFS, ארבעטנדיג יעדן טאג צו מאכן אונזער פינאנציעלע סיסטעם גוט ארבעטן פאר ניו יארקער, בשעת'ן אויך צוריקבויען די אפטיילונג אלס א רעגולירונג אגענטור וואס איז פאסיג פאר די פינאנציעלע הויפטשטאט פון די וועלט," **האט גאווערנאר Hochul (האקול) געזאגט.** "צווישן איר צייט ביי די פעדעראלע רעזערוו (Federal Reserve), פינאנציעלע געזונטהייט נעטווארק (Financial Health Network), און אינערהאלב די DFS, איז Kaitlin (קעיטלין) גוט געאייגנט צו פירן דעם אפטיילונג אריין אינעם צוקונפט, אויסברייטערנדיג צוטריט צו עפארדעבל פינאנציעלע סערוויסעס פאר אלע ניו יארקער בשעת'ן פארזיכערן אז אונזער געוואלדיגע סטעיט זעצט ווייטער פאר צו זיין א צענטער פאר פאראנטווארטליכע אינאוואציע."

**ניו יארק סטעיט אפטיילונג פון פינאנציעלע סערוויסעס סופעראיטענדענט Adrienne A. Harris (עידריען א. העריס) האט געזאגט,** "עס איז געווען א זכי'ה און א כבוד צו באדינען ניו יארקער, צושטעלנדיג פאזיטיווע רעזולטאטן פאר קאנסומער; באפעסטנדיג DFS אלס א גלאבאלע רעגולירונג פירער; און צו טראנספארמירן די אפטיילונג'ס אפעראציעס. איך וויל אויסדרוקן מיין טיפע דאנקבארקייט צו גאווערנאר Hochul (האקול) און צו די DFS טיעם פאר די אויסגעצייכנטע ארבעט וואס זיי טוען יעדן טאג צו שאפן א מער גלייכבארעכטיגטע, דורכזיכטיגע, און שטאנדהאפטיגע פינאנציעלע סיסטעם."

**ניו יארק סטעיט אפטיילונג פון פינאנציעלע סערוויסעס דעפיוטי סופעראינטענדענט פון פארשונג און אינאוואציע Kaitlin Asrow (קעיטלין עסראו) האט געזאגט,** "איך בין איבערגענומען פון די געלעגנהייט צו קענען ווייטער ארבעטן אין סערוויס פון ניו יארקער אונטער גאווערנאר Hochul's (האקול) פירערשאפט. איך בין פארפליכטעט צו פארזיכערן אז ניו יארק פארבלייבט די גלאבאלע פינאנציעלע הויפטשטאט, א פירער אין קאנסומער באשיצונג, און א צענטער פאר פאראנטווארטליכע פינאנציעלע אינאוואציע."

Kaitlin Asrow (קעיטלין עסראו) האט געארבעט ביי די DFS פאר די לעצטע פיר יאר אלס די עקזעקיוטיוו דעפיוטי סופעראינטענדענט פון די פארשונג און אינאוואציע דיוויזיע. אין יענער ראלע, איז זי געשטאנען איבער די רעגולירונג פון ווירטואלע וואלוטע פירמעס, בויענדיג איינער פון די גרעסטע און מערט סאפיסטיקירטע ווירטואלע וואלוטע רעגולירונג טיעמס אין די וועלט. זי איז אויך פאראנטווארטליך פאר די אפטיילונג'ס פאליסי ארבעט ארום אינאוואציע און פינאנציעלע אינקלושען. Ms. Asrow (מיז עסראו) האט געהאלפן אנפירן די טראנספארמירונג פון אפעראציעס ביי די אפטיילונג, און איז פארפליכטעט צו פארזעצן צו אינוועסטירן אין טעכנעלאגישע אינפערסטראקטור און וויכטיגע פראצעדורן.

Ms. Asrow (מיז עסראו) איז געקומען צו די אפטיילונג פון די פעדעראלע רעזערוו סיסטעם, וואו זי האט געדינט אלס א סיניאר פאליסי ראטגעבער פאר סיי די באנק פון סען פרענסיסקאו און סיי די באורד פון גאווערנארס. בשעת איר צייט אין די פעדעראלע רעזערוו, האט זי געדינט אלס קאארדינעיטאר פון אינאוואציע פאליסי צווישן די 12 דיסטריקט בענק, ווי אויך צווישן די פעדעראלע רעזערוו, די OCC, און FDIC. פאר'ן ארבעטן ביי די פעדעראלע רעזערוו, האט Ms. Asrow (מיז עסראו) געארבעט פאר די צענטער פון פינאנציעלע סערוויסעס אינאוואציע (Center for Financial Services Innovation), יעצט די פינאנציעלע געזונטהייט נעטווארק, וואס איז די פירנדע אטאריטעט איבער קאנסומער פינאנציעלע געזונטהייט. Ms. Asrow (מיז עסראו) האט גראדויאירט פון סטענפארד יוניווערסיטעט ( Stanford University) מיט א בעטשעלער פון קונסט (Bachelor of Arts) דעגרי און האט דערנאך באקומען איר מעסטער פון פובליק פאליסי (Master of Public Policy) דעגרי פון די יוניווערסיטעט פון שיקאגאו (University of Chicago).

סופעראינטענדענט Harris (העריס) איז אריינגעשטעלט געווארן דורך גאווערנאר Hochul (האקול) צו אנפירן די DFS אין אגוסט 2021. אלס די לענגסט-דינענדע סופעראינטענדענט, האט Harris (העריס) אנגעפירט באמיאונגען צו איבערבויען די אפטיילונג צו בעסער באשיצן ניו יארקער, רעגולירטע ענטיטיס, און די גלאבאלע פינאנציעלע סיסטעם. זייט אגוסט 2021, האט די DFS מצליח געווען צו צוריקבאקומען 725 מיליאן דאלאר אין געלטער פאר ניו יארקער און האט געטוהן באדייטנדע ארבעט צו מאכן די סטעיט'ס פינאנציעלע סיסטעם מער יושר'דיג און מער גלייכבארעכטיגט. אינעם לאנד, איז זי געווארן די ערשטע ניו יארק סטעיט פארשטייער צו דינען אויף די אמעריקאנער פינאנציעלע סטאביליטעט איבערזיכט קאונסיל (Financial Stability Oversight Council).

אין די צייט פון די Hochul (האקול) אדמיניסטראציע, האט די DFS גענומען פילע שריט צו שאפן א מער יושר'דיגע פינאנציעלע סיסטעם, אריינגערעכנט:

- אויסברייטערן בענקינג דעוועלאפמענט דיסטריקטס (Banking Development Districts);
- טויש די וועג וויאזוי טשעק קעשינג קאסטן ווערן אויסגערעכנט צו אריינרעכענען קאנסומער געברויכן, שפארנדיג מער ווי 22 מיליאן דאלאר אין טשעק קעשינג קאסטן פאר ניו יארקער.
- פאדערן פון אינשורער צו דעקן אינסולין אן דארפן ביישטייערן א חלק פון די קאסטן
- אוועקשטעלן קלארע גדרים ארום די באניץ פון ארטיפישעל אינטעליגענץ אין אינשורענס אפשאצונגען און פרייז באשטימונג
- אויפבויען די ווירטואלע וואלוטע אייניהייט (Virtual Currency Unit) אלס א גלאבאלע פירער אין די רעגולירונג און אויפזיכט פון דיגיטאלע עסעטס.
- אדאפטירן מארקעט אויפפירונג פארשריפטן צו שטיין איבער פארמעסי בענעפיט מענעדשערס (Pharmacy Benefit Managers, PBM) און אנגעהויבן אויספארשן די ענטיטיס

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן